# חולאים

אַזאַ פאַרקלערטקייט טיקט זיך אונטער
אין דעם טהום פון אייער בליק
און פאַלט דאָרט שיין, ווי עס פאַלט די זון,
גלייך ווי איר זענט אויף אַ בריק
צווישן טאָג און פינצטערניש.

חולאים!
אייער צייט איז גאָלד און שרעקט זיך,
איר זענט דער אָוונט, וואָס באַוועגט זיך,
צווישן אויסגעבלייכטע הימלען,
נאָר דאָס פּנים ווערט אים הושך,
אין דער פרעמד איז ער און פרעגט זיך:
ווי לאַנג, ווי לאַנג וועל איך נאָך גיין?
וואַרט וואַרעם אויסגעבעט מיין היים?
וועל איך ערגעץ נישט פאַרבלאָנדשען?

חולאים!
די גרויסע זוכער זענט איר אַליין.
איר זענט מרגלים אויף די וועגן,
איר זענט די לעכצונג נאָך אַ רעגן,
דאָס האַרץ קלאפּט דעם טאָג אַנטקעגן,
איר פרעגט די נאַכט אויף אייער לעבן,
און אַז עס קומט די שעה אַן ענטפער געבן,
ווען שעה געקליידט אין שווער געוואַנט,
קומט מאַט צו אייך אין הויף צופאָרן
(ווי זקנה-פור אין מיטן זאמד)
און נעמט אָן לאָדונג, יאָרן,
קריגט איר אויגן גרויס און הייס
ווי פאַרבענקטער טאַטע, וועלכער ווייס:
איצט פאָרט אַוועק זיין בת-יחידה
אַזוי פאַרפינצטערט (איז זי בייז?)
און ער פאַלט איר אויפן האַלדז מיט ווידוי
בלייבט פור אַ רגע אָפּגעשטעלט
און ביידע וויינט איר — איר און וועלט.

חולאים!
ווען אייער צייט איז ביים אַנטרינען
איז אַזוי פיל יישוב אין אייער גאַנג
גלייך איר זענט דער פאַרנאַכט וואָס צאַמט,
וואָס פאַרהאַלט דעם לעצטן צאַנק,
שטרענגט זיך אָן, ווערט רויט, וויל זיך דערמאָנען;
וואָס איז אַזוינס אין דעם פאַראַנען
צו וועלכס ער האָט געפלאַקערט לאַנג
און ביזן סוף עס נישט פאַרשטאַנען.

חולאים!
אַזוי פיל ווייטקייט טוקט זיך אונטער

אין דעם טהום פון אייער בליק
און פאַלט דאָרט שיין, ווי עס פאַלט די זון,
גלייך ווי איר זענט אויף אַ בריק
צווישן טאָג און אייביקייט.

-----------------------------------------------------------------

*פאָלקסצײַטונג, ז.7,* 16.6.1939